# Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


## Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

14


urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 14

עָס וואקסט אונ עס בליט
אוורָאָמ-הערשס ארטעל,
עס שנײַדט זיכ א טייל נאָכ א טייל אויס;
ווער היִנ אונ ווער צריק,
אפּ א טאָג זיכ געשטעלט, —
אונ עס יאָגט אוורָאָמ־הערש זיי: — נעווײלעס!

שטיינהעקערס פעסטע
מיט ברעמענ פונ ליימ
אונ מיט אויגנ ווי יוירנדע האָפּנ,
פונ אייגענע נעסטנ
אונ אלערליי —
אונ א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל...

א ייִד מיט א באָרד
אונ מיט לאנגע צוויי הענט
אונ מיט קלײַנע אינגאנצנ באשאָטנ,
ווער ווייסט וויפל יאָר

ס'ער גערינבן די ווענט
אינ דער בוימיקער שטאָט מעליטאָפּאָל?

צי האָט ער געהאנדלט,
צי האָט ער געקנעלט —
ס'האָט קיינער געקוקט אימ צוקאָפּנס.
נו, וואָס איז פאראנ דאָ...
א ייִד אינ ארטעל,
א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

מע גייט אונ מע קומט,
מע באזעצט זיכ געדיכט,
מע פארפרווט, — ניטגעייַלט, ניט געצויגנ, —
אונ ס'קוקט זיכ ארומ
אווראָמ-הערש בריגאדיר —
ער האָט שוינ דאָרט איינעמ א פויגל —

פאמיליע: — זשוק.
נאָמענ: וואסיל.
אָפּשטאמ: א גאנצע טאבעלע.
איז גיט ער א קוק,
אווראָמ-הערש, אזוי שטיל,
א באטאפּ מיטנ אויג אזוי שנעל אימ...

אונ אויב אינ קאריער
שטעלט דאָרט זשוק אָנ דעמ קאָפּ
אונ דעמ אויער ער לאָזט דאָרט א גיי טאָנ, —
איז ווינקט אווראָמ-הערש

און מיט ברעמענ ער קלאפּט:
—באַלעגאָלעס, רעדט לאָשנקוידעש! —

ס׳צעוואַקסט אווראָם־הערש זיך
און צוויַיגנ ער לאָזט
און א יעטווידער לאָכ ט׳ער פאַרשטאָפּנ:
ער האָט שוינ א קירזשנער
פונ דניעפּראָפּעטראָווסק
און דעמ ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

דעמ קירזשנער באטראַכט
אווראָם־הערש צו דער פּאָר
און: — ווי האָט איר נאָכ אנ אויער? —
שמייכלט און לאַכט
דער קירזשנער אינ באָרד:
—ס׳א מיַיסע... ס׳איז אומגעהויער!.. —

א קירזשנער! א שטאַלט!
א גאַנג. און א שניט.
דאָס היטל — אפ העלפט איז אראָפּ אים,
אפ איינ זיַיט — עס האַלט,
אפ דער אנדערער — ניט, —
און א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל!

געבעטנ ט׳דער ייִד
מיט די אויגנ הייס:
— איכ וויל, זאָגט ער, זיַינ צווישנ ייִדנ.
גאָט באַהיט...

טאָמער... כ'ווייס?
מאלע... וואָס... איכ באמי דענ?... —

אונ עס לאָזט אזא גרינע
געמבע ארויס
ווראָם־הערש דעם יידנ אינ אויער:
— אי'ר דארפט צו א מיניענ?
געוועג — אויס!
ניטאָ דאָ קיינ ייד אונ קיינ גויים.

ס'איז דאָ — א קאריער!
ס'אנ אנדער מינ!
פארקלאפט זיכ עס, פעטער, אינ קאָפּ אייַכ!
איז אָדער — אהער,
אָדער — אהינ,
— ייד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל!

ניט אפּ גליק, ניט אפּ רומ
ז'ער געקומענ אהער:
א קערבל אינ בוזעמ פארקלאפנ;
ער קוקט אזוי שטומ
— ,אונ קרעכצט נאָר: — ס'איז שווער
דער ייד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

צי ער בענקט נאָכ זייַנ ווייַב,
צי נאָכ קינדער ער בענקט,
— ,צי ער טראכט נאָכ פונ שאבעס אונ אָפּרו
ווער ווייסט? נאָר דערווייַל

זיך דאָס ברויט ער פֿאַרדינט,
דער ייִד פֿון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

אים דאַכט זיך: עס פֿלאַקערט
פֿון פֿאַכעד זײַן מויל,
די וועלט אין די אויגן זיך טאָפּלט;
אָדאָם־נאַקעט
און אָדאָם־הויל
איז א ייִד פֿון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

ער רײַבט זיך בא ווענט,
און קוקט דאָרט און טראַכט,
און דערמאָנט זיך אין ווארעמען אָפּפֿאַל:
ס'אַמאָל יאָנטעוו געווען,
און מ'האָט שאַבעס געמאַכט
אין דער בוימיקער שטאָט מעליטאָפּאָל.

עס איז דאָס כאַלאַטל
צעריסן און לאַנג,
און שיך זײַנע הילצערנע שליאָפּען:
א טאָג איז — א לאַטע,
א טאָג איז — א דאַנק
בא דעם ייִד פֿון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

ער שרעקט זיך אזוי נאָך,
ווען ס'רײַסט דינאַמיט,
ווען דרײַ עקסקאַוואַטאָרן קלאַפּן;
איז וואָס, אז פֿאַר שטיינער

דערשרעקט זיך א ייִד,
א ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל?

ער זוכט נאָר אַן אָרט
דורכוואַנען ארויס,
נאָר שטענדיק פארפלאָנטערט ער ווערט דאָרט;
דאָס הארץ זיך צעפּאָרט,
צי' עס דוכט זיך אים אויס,
און עס יאָגט נאָך אים נאָך זיך געלעכטער.

נאָר עס לערנט אים
אווראָם־הערש דעם געזעץ,
וויאַזוי נ'אזא פאל זיך פארהיטן;
ס'איז זיכער זיין שטים,
זי איז פעסט און געזעצט,
ווי בא אופרייסערס עכטע, געניטע.

— אז וואָס מערער מע לויפט,
איז אלץ נענטער ס'געפאר,
ס'ווייסט עס יעטווידער קו נ'מעליטאָפּאָל. —
נאָר דער ייִד איז בלוי,
ער איז בלוי און איז פייכט,
עפּעס זוכט ער און פינטלט און סאָפּעט.

— מע זיצט אפּ אַן אָרט,
און מע לויפט ניט ארום,
און מע האָט ניט קיין מוירע פאר קיינעם.
דעם שטיין רייסט מען נאָר.

און מער קיינעם ניט. קומט! —
און אליין טראָגט ער אויך אָפּ די ביינער.

פּאַרוקעט ליגט דאָרט זשוק
אין א נאָרע פּאַרקלעמט
און ער רײַבט זיך אין דר׳ערד מיט דעם קאָפּ דאָרט;
— אָט האָסטו! קוק!
א בײַשפּיל זיך נעם!
און לערנ זיך, שטאָט מעליטאָפּאָל! —

ער רופט צו עלקאָנען:
—עלקאָנע, אהער!
עלקאָנע, הא? געענדיקט? —
עס רײַסט זיך א טאָן
נאָך א טאָן אזוי שווער
נ׳עפּעס אָנכאַפּנ זוכנ די הענט דאָרט...

און ס׳שטופּט זיי עלקאָנע
ס׳געצײַג און ס׳געווער
און ער לאַכט אפּנ גאַנצנ קאַריער דאָרט:
—נאט, פּרוּווט! איר וועט קאָנען!
ס׳איז ניט אזוי שווער —
און עס הערט זיך אפּ ווײַט דאָס געלעכטער!

אז פון קאָפּ ביז די טריט
נאָך באַוואָפנט איז ער,
און עס זעצט פון די אויגנ אים פיבער.
נו, איז פרעגט ער דעם ייִד:

— זאָגט, ווי קומט איר אהער,
פארוואָס זײַט איר אין דר׳היים ניט געבליבן? —

און עס ענטפערט דער ייִד
מיט סאקאָנע אין בליק:
— מ׳איז דאָרט אלע אוועק שוין אפ ארבעט...
בין איך — אויך... און אויב — ניט,
איז פארקערוועט צוריק,
מע פארשפעטיקט ניט קיינמאָל דאָס שטארבן... —

און זײַן לײַב איז ווי לוב,
און ער האָט א כאלאס, —
די לופט אפ זײַן ברוסט אזוי שווער ליגט.
און עס ווײַזט זיך אים בלוט
פון דער נאָז און פון האלדז,
און באנאכט עפּעס ש׳ייצט ער געפערלעך.

ער ווארפט דעם פאלטאָ
פון דער נארע אראָפּ
און קרעכצנדיק דעקט ער זיך אָפּעט.
ס׳איז קיינער ניטאָ...
איז דעם כוישעך ער גראָבט,
דער ייִד פון דער ׳שטאָט מעליטאָפּאָל.

די שכיינים אים ציילעמען
שטיל בא דער נאכט
און זידלען די הייליקע מוטער.
און נאָכדעם דערציילט מען,

און נאָכדעם מע לאכט
און מע קלאפּט אין די פּלייצעס זיך מוטיק.

ער ציילט ניט די צאָלן
פון טאָג און פון נאכט,
ער פרעגט ניט און ווייסט ניט קיין אָפּהאלט.
ער ווייסט: מ׳עט באצאָלן
מיט אלע באגלייך
דעם ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

פרעגט זשוק אפן אויער:
— א ייִד ביסט צי ניין?
און לאנג וועסטו שטיינער דאָ קלאפּן? —
קוקט ער מיט טרויער:
וווּה׳ן זאָל ער גיין,
דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל?

— און איך, — רעדט זשוק ווייטער, —
האָב ערד... נאָר וואָס דען?
נאָר עס לוינט זיך קיין ערד היינט ניט גראָבן, —
איך וואַרט נאָר אף פּרייַטיק...
נ׳מיט געלט אף די הענט
איז — א גוטן דיר, שטאָט מעליטאָפּאָל!..